NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13413

DER FREYLEKHER RADIST

Lev Abramovich Kassil

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

לעוו קאסיל

דער פריילעכער ראדיסט גריסט

קאסיל

דער פריילעכער ראדיסט גריסט

טראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

קינדער פארלאג פון או. ס. ר. ר.
1935

RINTED in U. S. S. R.

קינסטלער—א. דאָווגאל
פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער—אי. גרינזייד
טעכאָנפירער—יא. אָלמאנ
קאָרעקטער—נ. ראכליס

ווען דער פּאָטער האָט געדאַרפט אַוועקפּאָרן, האָט איגע נאָך קאָם־קאָם דערלאַנגט מיטן קאָפּ ביזן אײַז־אָקעאַן, וואָס אַף דער קאַרטע, און לידע וואָלט אַפילע מיט דער האַנט אויך ניט דערלאַנגט... זי האָט געקאָנט דערלאַנגען נאָר ביזן שוואַרצן יאַם. דער שוואַרצער יאַם איז אָבער אַף דער קאַרטע ניט געווען. ס'איז געווען אַ קאַרטע נאָר פֿון די צאָפּנדיקע יאַמען. זי איז געהאַנגען נידעריק, בײַ דער סאַמע טיר. דער פּאָטער האָט פֿאַרן אָפּפֿאָרן זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער קאַרטע, האָט לידען אויפֿגעהויבן אַף די הענט, זי צוגעטראָגן צו דער קאַרטע און מיטן פֿינגער געפֿירט איבער די יאַמען און אָקעאַנען.

— אָט ווי אַזוי מיר וועלן פֿאָרן, — האָט דער פּאָטער געזאָגט. און ער האָט געפֿירט מיט זײַן פֿינגער פֿון לענינגראַד דורכן באַלטישן יאַם פֿאַרבײַ פֿרעמדע לענדער, איבערן דײַטשישן, אָדער צאָפּנדיקן יאַם, איבער די פּאָליאַרישע יאַמען, פֿאַרבײַ דעם סאַמע שפּיצקאָפּ פֿון ערד־קײַלעך, אַרום די צאָפּנדיקע ערדן און פֿונדאָרט — אין גרויסן, אָדער שטילן אָקעאַן.

— אָט אזוי וועלנ מיר שווימענ
געזאָגט אונ א קוש געטאָנ לײדענ. נאָכדע
ארומגענומענ איגענ, אונ האָט גענומענ דעמ
לײדענ איז א שאָד געווענ אָפּלאָזנ דעמ טאַט
געקנײטשט דאָס נעזל אונ געוואָלט וויינענ.

— זעט־זשע נאָר, כעוורע, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — איר זאָלט דאָ ניט זײַנ קאַפּריז אונ ניט ערגערנ די מאַמע. וואָרעמ איכ וועל וועגנ אַלצ זיכ באַלד דערוויסנ דורכ ראַדיאָ. אונ אויב איר וועט זיכ פירנ גוט, וועל איכ אײַכ עפּעס ברענגענ...

לײדענ האָט זיכ שוינ מער ניט געגלוסט וויינענ.

— טאַטע, — האָט זי געזאָגט, — דאָרט איז דאָכ גאָרניט ניטאָ, נאָר אײַז אונ אײַז... טאַטע, איז ווייסטו וואָס — ברענג מיר א קלײנ שטיקעלע צאַפּנדיקנ פּאָליוס! — אָט אזא קלײנ שטיקעלע אײַז.

— נײנ, אזש אַפנ סאַמע פּאָליוס וועלנ מיר ניט זײַנ... מירנ אימ פאַרבײַגײנ, נאָר אַנ אײַז־שטיקעלע פונדאָרט וועל איכ אומבאַדינגט פאַר דײַנעטוועגנ פאַרכאַפּנ...

— נאָר ס'זאָל אַפ דעמ זײַנ א שפּור פונ א ווײַסנ בער, — האָט איגע צוגעגעבנ.

— אײַז מיט א שפּול פונ א בעל, — האָט לײדע שטאַמלענדיק פאַריכט.

אונ דער פאָטער איז אוועקגעפאָרנ. ער איז געווענ א

ער האָט דורכגעוואנדערט איבער
יאמענ אונ ערדנ; געשווומענ אפ אײַז־
געפלויגנ אפ א צעפעליג, לאנגע ווינטערנ
פ פארפרוירענע אינדזלענ, נאָר ס'איז אים דאָרט
קיינמאָל ניט געווענ אומעטיק. ער האָט זיכ געפרײַנדעט
מיט דער גאנצער וועלט, ווײַל ער איז געווענ אנ אויסגע־
צייכנטער ראדיסט אונ ער האָט גערעדט דורכ ראדיאָ מיט
אלע לענדער.

דאָס מאָל איז דער פאָטער אוועקגעפאָרנ אינ אנ אײַז־
מארש אפ דער גרויסער שיפ „טשעליוסקינ". די שיפ האָט
געפירט דער בעכטער צאָפנדיקער קאפיטאנ — וואָראָנינ.
אָנגעפירט מיטנ גאנצנ מארש האָט דער גרעסטער נאטשאל־
ניק פונ דעמ גרויסנ צאָפנדיקנ יאמ־וועג — דער געלערנ־
טער שמידט.

אונ אָט איז די שיפ „טשעליוסקינ" געשווומענ אלצ
ווײַטער אונ ווײַטער, פונ יאמ צו יאמ. די צײַטונגענ האָבנ
אינ יעדנ נומער געדרוקט די טעלעגראמעס, וואָס איגעס
אונ ליודעס טאטע האָט זיי צוגעשיקט. אז איגע פלעג אינ־
דערפרי אוועקגיינ אינ שול, האָט ער אלע מאָל געפרעגט
די מאמע:

— ווו איז דער טאטע?

— אינ ווײַסנ יאמ, — האָט די מאמע געענטפערט אונ
האָט אינדערהייכ געלייענט די צײַטונג.

אמאָל פֿלעג טרעפֿן, אז דער טאָ [illegible]
שיקט דורכ ראדיאָ א גרוס איגענ אונ לי [illegible]
„מיר שווימענ גוט״ — האָט ער געגעב [illegible]
דער ווײַטער שיפֿ. — די שטימונג איז אויסגע [illegible]
אזוי' לערנט זיכ איגע? הײַנט האָבנ מיר געכאפּט א [illegible]
פֿיש. געכטנ האָבנ מיר איבערגעלעבט א גרויסנ שטורעמ. אונ
וואָס מיט ליודע, זי גייט אינ קינדער־גאָרטנ? אונ איינעכטנ
איז אינ קארער יאמ געבוירנ געוואָרנ בא איינער אונד־
זער א רײַזנדע א מיידעלע. מ'האָט דעמ א נאָמענ גע־
געבנ קארינע. מ'באָדט זי אינ א בעקנ, נאָר אָפּט כליופּעט
זיכ אויס דאָס וואסער, ווײַל עס וואַרפט מיט דער שיפֿ.
פֿאָלגט די מאמע אונ בענקט ניט. שיפֿ־באָרט „טשעליוסקינ״.
טאטע. פּונקט״.

ס'איז אוועקגעגאנ א שטיק צײַט. די שיפֿ איז שוינ גע־
ווענ שטארק נאָענט פּונעמ שטילנ אָקעאנ. אָבער גרויסע
אײַז־שטיקער האָבנ איר פֿארשטעלט דעמ וועג. דער ווינט
האָט אָנגעיאָגט גאנצע אײַז־בערג. דאָס אײַז האָט צונויפֿ־
געפּרעסט די שיפֿ אונ זי פֿארהאלטנ. „טשעליוסקינ״
האָט גענומענ זיכ דורכשלאָגנ א וועג. די שיפֿ האָט שטארק
געארבעט מיט דעמ מאשינ־שרויפֿ אונ געקלאפּט דאָס וואַ־
סער. די שיפֿ האָט געזועצט מיט דער אײַזערנער נאָז דאָס
גראָבע אײַז. זי האָט זיכ געריסנ מיט אלע קויכעס. דאָס
אײַז האָט מיטגעשלעפּט די שיפֿ. דער ווינט האָט געטריבנ

אָרט אפּן אנדערן — דאָס אײַז האָט
י שיפּ. דאָס אײַז האָט צוגעדריקט די שיפּ
ר און ענגער. דאָס אײַז האָט געקוועטשט די
פּגעקראָכן אפּ איר, זיך געדראפּעט, זיך אָנגע־
סטאָרטשעט און געקריצט אינעם אײַזן.

* * *

איינמאָל אן אינדערפרי האָט די מאמע גענומען די צײַ־טונג און איז פּלוצלינג געוואָרן שטרענג און ווײַס, ווי דער צאָפן־פּאָליוס.

— וווּ איז דער טאטע? — האָט געפרעגט איגע, וואָס האָט נאָרוואָס געוואָלט אוועקגיין אין שול.

— אפּן אײַז אינעם פּאָליאר־יאם. — האָט געזאָגט די מאמע.

איגע האָט דערהערט, ווי עפּעס — טוק־טוק — האָט א קלאַפּ געטאָן אין דער צײַטונג. דאָס איז געפאלן אפּן פּאַ־פּיר דער מאמעס א שווערע טרער.

— די שיף איז אומגעקומען! — האָט געזאָגט די מאמע, — דאָס אײַז האָט זי דערקוועטשט, „טשעליוסקין" איז דער־טרונקען געוואָרן.

— און דער טאטע? — האָט געפרעגט ליודע. זי האָט זיך נאָרוואָס אופגעכאפּט און האָט דערהערט דאָס שרעקלעכע גײַס.

— אלע מענטשן האָבן באוויזן זיך ראטעווען, נאָר איי־

בער איז דערטרונקענ געוואָרנ, אונ די אי
זיכ אפנ אײַז.

— ווי אזוי־זשע וועלנ זיי דאָרט זײַנ?

אונ איגע האָט א קוק געטאָנ אפ דער קארטע. או
מאמע. אויכ ליודע. אלע האָבנ א קוק געטאָנ אפ דער קארטע... מיט בלאָווער פארב איז געווענ אָנגעמאָלט דאָרט איבנ דער קאלטער פאָליאר־יאמ.

— ווי אזוי־זשע וועלנ זיי דאָרט זײַנ?

אָבער דער ראדיסט, דער טאטע, האָט דעמ מוט ניט פארלוירנ. ער איז געזעסנ אינ זײַנ קליינער פאלאטקע, וואָס מ׳קאָנ זי איבערטראָגנ פונ איינ אָרט אפנ צווייטנ, ער האָט געדריקט דעמ פינגער אפנ הענטל פונ זײַנ אפאראט, אונ איבער דער גאנצער וועלט האָט זיכ געטראָגנ: טי־טי־טי־טר־טר־טר... אונ די גאנצע וועלט האָט זיכ צוגעהערט, ווי איגעס אונ ליודעס טאטע האָט איבערגעגעבנ דורכ ראדיאָ:

„שוינ דעמ צווייטנ טאָג געפינענ זיכ די טשעליוסקינצעס אפנ אײַז. צומ ברעג איז ווײַט. ארומ אונ ארומ — אײַז־בערג. אלע זײַנענ געזונט. אלע האלטנ זיכ אויסגעצייכנט. קויכעס קלעקנ אונדז גענוג".

אונ אינגיכנ האָט אויכ ער אליינ דערהערט אינ ראדיאָ אונ האָט איבערגעגעבנ דעמ פראָפעסער שמידט אונ אנדערע זײַנע כאווײרימ, אז דאָס גאנצע סאָוועטישע לאנד

אָבער דער ראדיסט, דער טאטע, האָט דעמ מוט ניט פארלוירנ.

... זיי
... ארויס־
... הילפ דאמ־
... אונ אײַז־ברע־
כערס. ס'זײַנענ געפלויגנ אעראָפּלאנענ אונ דירי־ זשאבלענ. ס'האָבנ גע־ אײַלט הינט מיט נארטעס אונ אעראָשליטנס.

אונ אלע מענטשנ אינ פסר"ר, אויכ די קליינע ליוז'ע, אויכ אפילע דער כאווער סטאלינ אליינ, האָבנ שטארק נײַגעריק געהערט, געלייענט, געווארט, וואָס דער ראדיאָ וועט איבערגעבנ פונעמ אײַז.

„אלצ בעשאָלעמ. כ'וועל צוריק קומענ אינ יונ כוידעש,— האָט פארזיכערט איבערגעגעבנ אהיימ דאָס שטילע, ווײַטע, נאָר פריילעכע קאָל פונעמ ראדיסט,— טר־טר־טר־טר־טי־טי־טי־טי... כ'וועל צוריק קומענ כוידעש יונ".

פונ איצט אָנ האָט שוינ איגע אלע פרימאָרגנ צומ אלעמ ערשטנ זיכ געכאפּט צו דער צײַטונג. פריִער פלעג ער יעדעס מאָל, איידער ער האָט באדארפט גיינ אינ שול, צולויפנ צומ פענצטער אונ א קוק טאָנ אפנ גראדוסניק.

— זעכצנ גראַדוס פראָסט, — האָט ער [illegible]
וועל הײַנט גײנ אפנ גליטש. דאָס אײַז איז ג[illegible]
און איצט האָט ער געקוקט אפ דער צײַטונג או[illegible]
— פערציק גראַדוס פראָסט... דאָס אײַז האָט זיכ ו[illegible] ער געשפּאַלטנ...

די מאמע איז אראָפּ פונ פּאָנעמ; זי איז ניט געשלאָפנ די נעכט אונ איז געווענ שטאַרק אומרויִק. זי האָט געקוקט אפ דער קאַרטע אונ האָט געזיפצט. איגע איז אויכ ארומ־געגאַנ אנ אומעטיקער, אפילע ליודע האָט אָנגעהויבנ קאַפּריזעווענ. נאָר דער טאַטע אפנ [illegible] איז בא זיכ ניט אראָפּגעפאַלנ. ער האָט געשיקט דורכ ראַדיאָ באַרויִקנדיקע אינ שפּאַסיקע טעלעגראַמעס:

„ווי אזוי לערנט זיכ איגע אינ שול? צי וואַשט ליודע אלע טאָג די צײנ? איכ דאָ וואַש אלע טאָג. נעכטנ האָבנ מיר אוועקגעלײגט א ווײַסנ בער. דער מעס לאָזט אײַכ גריסנ".

— די מאמע האָט געענטפערט:

— היט דײַנ געזונט. איגע איז א פרעמירטער שלאָגלער. לערנט זיכ אפ „אויסגעצײכנט".

„איכ קוש דעמ טײַערנ שלאָגלער, — איז אָנגעקומענ אנ ענטפער פונ אײַז. — כ'באַגריס ליודעטשקענ צו איר געבורטס־טאָג. קויפ איר א מאַטאָנע, אונ אנ אײַז־שטיקעלע פונעמ פּאָליאַר־יאַמ וועל איכ איר אליינ ברענגענ".

[illegible]ט לידע קאפּריזעוועט און האָט ניט גע־
[illegible] האָט בעשומויפן ניט געוואָלט אָנטאָן דאָס וואַ־
[illegible]לעכל. „ס׳בײַסט מיר און איך קאָן ניט לײַדן",— האָט [illegible]י געזאָגט. די מאמע האָט א זאָג געטאָן: „איך וועל דערציילן דעם טאטן"... לידע האָט ניט געגלויבט. נאָר פונעם טאטן, אזש פון פּאָליאר־יאַם האָט זיך באקומען א טעלעגראַמע:

„אײַ, אײַ, אײַ! ווי איז דיר קײַן ביזאָיען! דערקוטשען דער מאמען. באלד זאָלסטו אָנטאָן דאָס שאַלעכל"...

אָט אזוי האָט זיך די גאנצע וועלט דערוווּסט, אז לידע קאפּריזעוועט איבערן שאַלעכל. לידע האָט אָנגעטאָן דאָס שאַלעכל, און ס׳האָט זיך איר געדאכט, אז זי לײַדט שוין ניט דערפון, ס׳בײַסט זי שוין מער ניט.

דערנאָך איז געקומען דער ערשטער פריילעכער טאָג. דער יונגער פליִער ליאַפּידעווסקי איז געקומען צופליִען אפן אעראָפּלאַן אפן אײַז־לאגער פון שמידטן. די טשעליוסקינצעס האָבן שוין לאנג פארגעסן, ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאכט. זיי האָבן צוגעגרייט א פּלאטפּאָרמע — אן אעראָדראָם. מיט אומגעדולד האָבן זיי געווארט אפן אעראָפּלאַן.

דער פליִער האָט ארײַנגעזעצט אין זײַן אעראָפּלאַן די פרויען און צוויי קינדער: אַלעטשקען און די קליינע קאַ־רינע, וועלכע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אפן דער ערד.

עמעס, די ערד האָט איר ניט איבעריק גע
אלציינס נאָכ ניט געקאָנט גיינ. נאָכ דער דר
ליאפּידעווסקי האָט זי געבראכט מיט אלע אנ
דער יאבאָשע, קעדיי קארינעטשקע זאָל זיכ לערנע... גיינ
אפ דער סאָוועטישער ערד.

אינ יענעמ טאָג האָבנ כעוורע אפנ הויפ אויסגעטראכט און געזונגענ אָט וואָס פאר א לידעלע:

אכ, דו אייז, וואָס ווייס,
גיי ניט אינ אָקעאנ,
גיי ניט אינ אָקעאנ.
אכ, דו אייז, וואָס ווייס,
ס'קומט דער אערָפּלאנ
אויכ אינ אָקעאנ.

און אינ זעלבנ טאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ אפנ הויפ א גרויסע, א טייערע שפּיל מיט ראטעווענ די טשעליוסקינצעס. די שפּיל האָט פארטראכט איגע און זיינ כאווער פעטיע. ער איז געווענ א זונ פונ אנ עמעסנ פליִער. ער איז געווענ דאָס גרעסטע יינגל אינ הויפ.

אפ א גרויסנ בארג מיט אייז און שניי אינמיטנ הויפ האָט מענ אויסגעמאכט פונ שפּענדלעכ און שטעקלעכ שמידטס לאגער.

— פרויענ און קינדער ראטעוועט מענ אלעמאָל צומ ערשטנ. — האָט געזאָגט מיט א גראָבער קאפּיטאנישער

און אינ זעלבנ טאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ אפנ הויפ א גרויכע, א כײַערע שפיל מיט ראכעווענ די טשעליוסקינצעס.

שטימ איגע. ער איז געווענ אי דער ראדיסט, אי דער פראָ-
פעסער שמידט...— קינדער אונ מוטערס, איר קענט זיכ
ראטעווענ — האָט ער איבערגעכאזוערט. אונ ליודע מיט איר
ליאלקע, צוזאמענ מיט צוויי כאווערטעס, האָבנ זיכ געשטעלט
אינ דער ריי הינטערנ רוקנ פונ פעטיענ, וועלכער איז געווענ
דער פליִער. ער איז געפאָרנ אפ איינ גליטשער. פעטיע

האָט צעעפנט די ליפּן, זיך בייז אָנגעכמורעט ... קעט און צענומען ביידע הענט.

— איך וועל אײַך באַלד ברענגען אַפּ א טרוקנ... קײַן וואנקארעם, — האָט געזאָגט פּעטיע.

דאָס טרוקענע אָרט איז געווען דאָס גאניקל. און אין עטלעכע מינוט ארום האָט פּעטיע זיך אראָפּגעלאָזט אהין בעשאָלעם מיט זײַנע פּאסאזשירן.

נאָר ס'איז אָנגעקומען דער ברויגעזער הויף־וועכטער כאריטאָן, האָט א פּאָך געטאָן מיטן בעזעם און האָט זיך צעשריגן, ווי א שטורעם.

— איכן אײַך! — האָט ער זיך צעשריגן. — באַלד זאָלט איר מיר אראָפּ פונעם בערגל! וואָס איז דאָס פאר א שפּי־לעכלעך? איר צעווארפט דעם שניי!

כאריטאָן האָט געהאט א גרויסע באָרד, נאָר אַפּן פּראָ־פעסער שמידט איז ער אפילע א האָרעלע ניט ענלעך גע־ווען... די כעוורע זײַנען באַליידיקטע אראָפּ פונעם שניי־בערגל. נאָר גראָד דעמלט האָט זיך אומגעקערט פון דער ארבעט דער שאָכן פיאָדער יעגאָריטש. ער האָט געוווינט אין איין דירע מיט איגען און ליודען. פיאָדער יעגאָריטשן האָבן אלע כעוורע שטארק ליב געהאט. זיי האָבן אים גע־האלטן פאר א גרויסן ספּעציאַליסט אין פּאָליאר־זאכן, ווײַל ער האָט ליב געהאט זומער קיל און שאָטן, האָט געטרונ־קען אײַז־קאלטן קוואס און פלעג געבן דער כעוורע אײַז־

יעגאָריטש האָט זיך אָנגענומען פאַר דער

וואָס שטערסטו זיי די שפּיל? ושאַלעוועסט זיי דעם שניי?

— מ'טאָר ניט,—האָט זיך צעשריגן כאַריטאָן.

פּיאָדער יעגאָריטש איז צוגעגאַנגען צו דער כעוורע און געזאָגט:

— נישקאָשע, יאַטן, ער איז בא אונדז ווי א שניי־שטורעם: ער פליט אָן, ליאַרעמט אָפּ און לייגט זיך אַוועק... שלאָפן. און איך, כעוורע, וועל זײַן אײַער וועטער־ביוראָ. איך וועל אײַך געבן צו וויסן, ווען מ'קאָן שפּילן און ווען ניט. פון מײַן פענצטער קאָן מען זען, ווען ער גייט.

און פון דעם טאָג אָן איז געווען אזוי: פּיאָדער יעגאָריטש פלעג ארויסגיין אפן גאַניקל און זאָגן:

— ס'אָנעפּל, ס'קומט אָן א שניי־שטורעם און פאַרווייט אלץ,—פליִען קאָן מען ניט.

און די כעוורע האָבן שוין געוווּסט, אז ס'גייט דער בייזער כאַריטאָן, מ'דאַרף אַנטלויפן.

אָבער אָפטער פלעג פּיאָדער יעגאָריטש זאָגן, ווינקענדיק:

— דער האָריזאָנט איז לויטער,—פליִען קאָן מען.

און דעמלט האָבן די קינדער זיך געשפּילט. דער הויף־וועכטער כאַריטאָן האָט זיך געזידלט און אײַן אײנעם א שיינעם טאָג האָט ער ארויסגעפירט דעם גאַנצן שניי

פונ דעמ מיטנ הויפ. נאָר פיאָדער יעגאָ[illegible]
געטרייסט:

— נישקאָשע, — האָט ער געזאָגט, — ביז איך בי[illegible] וואַלטער פונעמ וועטער, זאָל אײַך גאָרניט ארנ. מאָרגנ וועט בא אײַך אַלצ זײַנ ווידער פאַרפרוירנ.

אוןווירקלעכ, אינדערפרי זײַנעג אַלע קאַליוזשעס פאַר פרוירנ געוואָרנ און אויכ אפנ צווייטנ פרימאָרגנ און אויכ אינ א טאָג שפּעטער איז שוינ דאָס אײַז מער ניט צעגאַנ־ גענ. ס'איז שוינ געווענ וואַרעמ. דער שניי איז אומעטומ צעגאַנגענ. דער פרילינג האָט אָנגעוואַרעמט די טראָטואַרנ דער אספאַלט האָט אויסגעטריקנט. און פעטיע פלעג איצט ראַטעווענ די טשעליוסקינצעס אפ א צווייערדערדיקער טאַטשקע.

נאָר די גרויסע קאַליוזשע, וואָס הינטער דער קאַמער, איז אַלע פרימאָרגנ פאַרפרוירנ געוואָרנ, — אויכ דאָס אײַז־בערגל איז זייער פּאַמעלעכנ צעגאַנגענ... קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס זאָל דאָס באַדײַטנ.

כאַריטאָנ האָט צעקלאַפּט מיט א לאָמ דאָס אײַז אפ קליינע שטיקלעכ. נאָר אינדערפרי איז דאָס אײַז ווידער אײַנגעפרוירנ און איז ווײַטער געוואָרנ א באַרג, כאַריטאָנ האָט דעמ קאָפּ פאַרלוירנ. און דערנאָכ האָט ער א מאַכ גע־ טאָנ מיט דער האַנט.

און די כעווריע האָבנ אַלצ געשפּילט אַלע טאָג אינ

[illegible]סקינצעס, אונ די מאמע האָט אלע טאָג מיט דער[illegible]ענע אויגנ זיכ איַינגעגראָבנ אינ דער ציַיטונג. איגע אונ ליודע האָבנ געבענקט נאָכנ טאטנ. אָבער ראטעווענ די טשעליוסקינצעס איז געווענ שווער. די אומבלאָנדזענדיקע איַיז־בערג האָבנ צעבראָכנ דעמ לאגער. די מאָטאָרנ פונ די אעראָפלאנענ האָבנ ניט געקאָנט כאפנ דעמ אָטעמ אינעמ שרעקלעכנ פראָסט, אזוי ווי די מענטשנ.

נאָר דאָס זיַינענ אָבער געווענ סאָוועטישע מענטשנ. ווייער איַינגעשפארטע אונ דרייסטע מענטשנ. זיי האָבנ באשלאָסנ צו ראטעווענ די טשעליוסקינצעס איינ מאָל פאר אלע מאָל. די פליִערס האָבנ זיכ געריסנ אינדערלופטנ, ניט געקוקט אפ דעמ ווינט אונ אפ דער קעלט. די גאנצע וועלט האָט געקוקט אפ צאָפנ.

די איַיז־בערג האָבנ זיכ גערוקט אפנ לאגער. דער פראָפעסער שמידט איז שטארק קראנק געוואָרנ. ער האָט קיינעמ ניט געזאָגט וועגנ זיַינ קרענק. ער האָט זיכ ניט געוואָלט אונטערגעבנ.

ענדלעכ האָבנ זיכ די סאָוועטישע פליִערס דורכגעשלאָגנ דורכנ פראָסט אינ שניי־שטורעמ, אונ דער פריילעכער ראדיסט האָט ארויסגעלאָזט א שפאס אפ דער גאנצער וועלט, אז ס'האָט זיכ געעפנט א לופט־ליניע פאר ריַיזנדע צווישנ שמידטס לאגער אונ וואנקארעמ.

דער פריילעכער ראדיסט האָט קאָמ באוויזנ איבערצוגעבנ

דורכ ראדיאָ: געראטעוועט צוויי אונ צוואַ[illegible] דערנאָכ — זעקס אונ דרײַסיק, דערנאָכ — זיבנ אונ [illegible] דעם פּראָפעסער שמידט האָט מענ קאָמ מיט גוואַלד [illegible] געפירט. ער האָט געוואָלט אָפּפליִענ דער סאמע לעצטער.

ס'איז שוינ געווענ שפּעט. די פליִערס האָבנ צוגעזאָגט קומענ צופליִענ אפ מאָרגנ אינדערפרי אונ צו פארנעמענ אלע איבערגעבליבענע. די פליִערס זײַנענ אוועקגעפלויגנ. זעקס מענטשנ אונ אכט הינט זײַנענ פארבליבנ אינעמ פוסטגעוואָרענעמ לאגער. ס'איז אָנגעקומענ די נאכט, אונ אפנ פּאָליאר־יאמ איז אופגעגאנ דער פּאָליאר־שטערנ. ער איז אופגעגאנ אויכ איבער מאָסקווע, אונ די מענטשנ אינ מאָסקווע, קוקנדיק אפנ פּאָליאר־שטערנ, האָבנ געטראכט וועגנ די זעקס דרייסטע, וואָס זײַנענ געבליבנ אפנ אײַז...

איגע האָט לאנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ אינ יענער נאכט. ער האָט געטראכט, ווי שרעקלעכ ס'דארפ זײַנ באַנאכט אפנ אײַז... אונטערנ אײַז פרירט דער שווארצער אָפּגרונט פונ יאמ, אונ ארומ אונ ארומ בלאָנדזענ אומ שארפשפּיציקע אײַז־בערג. איגע איז געלעגנ מיט אָפענע אויגנ. ס'האָט זיכ אימ געדאכט, אז אויכ אינ צימער גייענ אומ אײַז־בערג, נאָר דאָס האָט זיכ אימ נאָר אויסגעוויזנ — דאָס האָט זיכ באוועגט אפ דער סטעליע די שײַנ פונ א דורכפאָרנדיקנ אווטאָמאָביל.

אפנ צווייטנ טאָג איז די מאמע אוועקגעגאנ זיכ דערוויסנ

ענדלעכ האָבנ זיכ די סאָוועטישע פליערס דורכגעשלאָגנ דורכנ פראָסט אונ שניי־שטורעמ

וועגן טאטן. איגע האָט זיך אומגעקערט פון שולאָ
אוועק מיט ליודען זיך שפּילן אפן אײַז, וואָס אין הויף.
געקומען פּעטיע, ס׳זײַנען געקומען אויך אנדערע קינד.
נאָר די שפּיל איז עפּעס ניט געגאנגען. מ׳האָט געפּרוווט
מאכן א גליטש אפן ווײַסע בערן און אפן יאם־פערד, נאָר
פּעטיעס מאמע האָט געזאָגט, אז זי וועט ניט דערלויבן
אוועקלייגן דאָס פּליושענע בערעלע אפן שמוציקן אײַז.
מ׳האָט געכאפּט דאָס הינטל מוציק און מ׳האָט עס געוואָלט
אײַנשפּאנען אין שליטן, נאָר מוציק האָט זיך באַליידיקט.

פּלוצלינג האָט זיך צעעפנט דאָס פּענצטער פון דער מאמעס צימער. די מאמע האָט זיך ארויסגעבויגן און פרייִלעך, הילכיק א געשריי געטאָן:

— איר קאָנט דערשפּילן ביזן סאָף! דאָס אײַז איז שוין פּוסט, כעווערע! די לעצטע מענטשן זײַנען שוין אָפּגעפלויגן. און דער סאמע לעצטער, ווייסט איר, ווער ס׳איז געווען? דער קאפּיטאן וואָראָנין און אונדזער טאטע.

— מאמע, און די הינט זײַנען דאָרט געבליבן?

— ניין, מ׳האָט זיי אויך ארויסגעפירט.

— אי, הוראַ!

און אינדערפרי איז דאָס אײַז אין הויף אינגאנצן צעגאנגען, און די קאליושעס זײַנען שוין ניט פארפרוירן געוואָרן.

אין יונג כוידעש האָט זיך דער פרייִלעכער ראדיסט

קערט קײַן מאָסקווע, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט.
ז געקומען צו פאָרן מיט אַלע טשעליוסקינצעס און
מיט די העלדישע פּליערס פונעם ראַטנפאַרבאַנד. גאַנץ מאָסקווע האָט באַגעגנט די העלדן. ער האָט געבראַכט אין אַ גלעזערנעם סלוי אַ שטיקל אײַז פונעם פּאָליאַר־יאַם. אינעם אײַז איז געווען אײַנגעפרוירן אַ נאָגל — אַ שפּור פון אַ לאַפּע פון אַ געהאַרגעטן ווײַסן בער. דער טאַטע האָט שטאַרק געהיט דאָס אײַז. ער האָט עס מיטגעפירט אױפן עראָפּלאַן, אױף הינט, אױפן דאַמפער, אין צוג, אומעטום האָט ער געהאַלטן דעם סלוי אױף אײַז, אַז די מאַטאָנע זאָל ניט צעגיין.

אַ גליקלעכער, אַ פרײלעכער איז דער טאַטע געקומען צו פאָרן פונעם וואָקזאַל אַהיים. ליודע און איגע האָבן גע־ליאַרעמט און געשפּרונגען אַרום אים. בײדע האָבן געוואָלט וויסן: צי האָט דער טאַטע געבראַכט דאָס שטיקל אײַז, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אָבער פון העפלעכקײַט האָבן זײ אים ניט געפרעגט, זײ האָבן געדולדיק געוואַרט. פּלוצלינג האָט זיך דער טאַטע געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— שאַט, כאַווײרים, — און וווּ איז דער סלוי?

דער סלוי איז געשטאַנען אױפן דיל, לעבן די טשעמאָדאַ־נעס. דער ראַדיסט האָט אין אים גאָר פאַרגעסן. די הײסע יונ־זון האָט אָנגעוואַרעמט דעם סלוי, און אין שמוציקן וואַסער האָט מען געזען ליגן אַ גרויסן שוואַרצן נאָגל.

— נאַ, אָט האָסטו דיר דאָס שטיקל אײַז פֿון צאָפּנ־פּ[illegible]
צעגאנגענ! — האָט דער טאטע געמורמלט מיט באַדויע[illegible]
אך, ס'איז מיר גאָר פֿון קאָפּ ארויס!

— נישקאָשע, — האָט העפּלעך געזאָגט איגע, — אָבער
דער נאָגל איז דאָך ניט צעגאנגענ.

ליודע האָט זיך אָנגעכמורעט און זיך שיר ניט צעוויינט.

— איינ מינוטקעלע — האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פֿונעם
שאָכנ פּיאָדער יעגאָריטש, — גיט מיר נאָר אהער דעם סלוי...

ער האָט א כאַפּ געטאָנ דעמ סלוי און פֿארשוווּנדנ אינ
זײַנ צימער. ער האָט זיך באלד אומגעקערט און האָט אוועק־
געשטעלט אפֿנ טיש דעמ פֿארשוויצטנ סלוי. אלע האָבנ זיך
ווילד פֿארכידעשט. אינ סלוי איז געלעגנ א פֿאָליאריש אײַז־
שטיקל. אינעמ אײַז אינעווייניק איז געווענ אײַנגעפֿרוירנ
דער בערישער נאָגל...

— הערט, — האָט געזאָגט דער ראדיסט, — קײַנ ניסימ
געשעענ דאָך ניט, איז ווי אזוי האָט איר דאָס געמאכט?

— גאנצ פּאָשעט, — האָט געענטפֿערט פּיאָדער יעגאָ־
ריטש, — איך בינ א קעלט־מײַסטער. איך ארבעט אפֿנ קעל־
טער־זאוואָד. דאָרט מאכט מענ קינסטלעכ טרוקנ אײַז.
דאָס אײַז האַלט 30° פֿראָסט. מ'קאָנ עס טראָגנ אינ קעשעניע.
סע צעגייט, נאָר צעגיסט זיך ניט און פֿארוואנדלט זיך
אינ לופֿט. ווענ מ'וואָרפֿט ארײַנ א שטיקל אײַז אינ א קאַ־
ליוזשע, ווערט די קאַליוזשע באלד פֿארפֿרוירנ. דאָס האָב

אָכ געמאכט פארפרירנ די קאליוזשעס אינ הויפ. דאָ האָבנ אלע גענומענ שטארק אפלאָדירנ. דערנאָכ האָט דער טאטע פלוצלינג א קוק געטאָנ אפ איגענ:

— אנו נאָר, איגאָר, שטעל זיכ נאָר אוועק צו דער קארטע.

איגע האָט שוינ איצט דערלאנגט מיטנ קאָפ אזש צומ סאמע צאָפנ־פאָליוס.

Одобліт № 1219. Уповнов. Головліту № 994. Замов. № 531. Тираж 3000. $1\frac{1}{2}$ друк. арк. Формат паперу 72 x 94 $\frac{1}{16}$. Здано до складання 2-VI 35 р. Підписано до друку 6-VIII 35 р.
Чергове видання № 115.

Друкарня ім. Леніна, Одеса. Пушкінська, 18.

Л. КАСІЛЬ

КРИГА-ХОЛОДИГА

ДИТВИДАВ